# פֿון רעדאַקציע

## שלום בערגער און יודע-לייב פּראַגער

דער דאָזיקער בשותּפֿותדיקער נומער פֿון The Mendele Review און דער באַוועבטער ייִד ווײַזט אַרויס סײַ די שעפֿערישע אוצרות פֿון דער לעבעדיקער ייִדישער שפּראַך, סײַ דעם דוחק אין ייִנגערע טאַלאַנטן.

בײַם איבערקוקן דעם נומער זעט מען אין ״דער גזאַר-דין״ ווי דאָס בעסטיאַליש אַחזריות ווערט אַנטקעגנגעווירקט פֿון אויסלייזערישער ליבע. אין ״מײַן לעצטע נסיעה״ איז צער בעלי-חיים אפֿשר בכּוח אונדז אומצוקערן צו אמתדיקער מענטשלעכקייט. ״וואַלפֿיש״ און ״קאַדיש-יתום״ באַהאַנדלען דאָס רעטעניש פֿון אייביקער אבֿידה אין די אויגן פֿון קליין און גרויס. ״גוטער דאָקטער וויי-צו-מיר״ וועט זײַן שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַר די, בײַ וועלכע סאָוועטישע דריידלעך זײַנען נאָר פֿאַרצײַטישע געשיכטע; דאָס ליד בעט פֿאַרטײַטשט צו ווערן.

כּדאי דאָ צו דערמאָנען, וואָס די רעדאַקציע האָט נאָר מיט גרויסע שוועריקייטן דערשלאָגן זיך צו נײַע דרוקפֿעיִקע ווערק אויף ייִדיש. דאָס איז דאָך נישט קיין חידוש, ובפֿרט פֿאַר די, וואָס דאָס צונויפֿשטעלן ייִדיש-שפּראַכיקע זשורנאַלן איז זייער געוויינטלעכע אַרבעט. אָבער דער באַוועבטער ייִד אין זײַן לויפֿיקער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט האָט אויסגעפֿונען, אַז נאָך אַלע בעטענישן און מאָנונגען בײַ שרײַבער קלעקט דאָס אַרײַנגעשיקטע אויף אַ ציין: דאָס הייסט, דער מאַנגל בײַ אונדז אין דער עלעקטראָנישער ליטעראַטור איז ערגער ווי בײַ אַנדערע. אפֿשר איז איין סיבה, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין שטאַרקע פֿאַרבינדונג צווישן דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור-וועלט און דעם נײַעם, דעם אינטערנעטישן. סײַ ווי וועט דער באַוועבטער ייִד ווײַטער פֿאַרבעטן, זוכן, און אויסזוכן נײַע ייִדישע ליטעראַטור. The Mendele Review וועט זיך ווײַטער פֿאַרנעמען מיט ייִדיש-לימודים אויפֿן העכסטן ניוואָ.